בס"ד

תולדות תשפ"ה

גליון 215

# דעם רבינ'ס ליכט



אַייעֶרע קִינְדֶער זָאלְט אִיר מוֹדִיעַ זַיין
וָואס דָא הָאט זִיךְ גִיטָאן (שיהר"ן ר"ט)

## דער ריינער קוואל

### קוּקְן אִינֶעם שֵׂכֶל פוּן יֶעדֶע זַאךְ

טַייעֶרע קִינְדֶער, מִיר בֶּענְטְשְׁן שׁוֹין דֶעם שַׁבָּת דֶעם גָאר לֶעכְטִיגְן חֹדֶשׁ, חֹדֶשׁ כִּסְלֵו!

הַא... חֹדֶשׁ כִּסְלֵו דֶערְמַאנְט אוּנְז אַז עֶס קוּמֶען שׁוֹין צוּ גֵיין דִי חֲנוּכָּה טֶעג, ווִי לִיכְטִיג אוּן הֵיילִיג זֶענֶען דִי חֲנוּכָּה טֶעג, מֶען דֶערְמַאנְט זִיךְ נָאר פוּן דִי חֲנוּכָּה לִיכְט מִיט דִי זִיסֶע נִגּוּנִים וָועְרְט וַוארֶעם אִין דִי בֵּיינֶער! בְּרֶסְלֶבֶ'ע קִינְדֶער מֶען דַארְף זִיךְ שׁוֹין גְרֵייטְן צוּם יוֹם טוֹב! אֵיינֶער גְרֵייט זִיךְ מִיט לֶערְנֶען דִי סְפָרִים פוּן צַדִּיקִים פוּן דִי מַעֲלוֹת פוּן חֲנוּכָּה, אַ צְוֵוייטֶער מִיט הִתְבּוֹדְדוּת אוֹיף חֲנוּכָּה אָדֶער גְרֵייט מֶען זִיךְ מִיט זָאגְן לִקּוּטֵי תְּפִלּוֹת אוֹיף חֲנוּכָּה, יֶעדֶער אִינְגְל אוּן יֶעדֶער אִיד לוֹיט זַיין מַצָּב אוּן פַארְשְׁטַאנְד.

דִי וָואךְ אִין דִי פַּרְשָׁה פַארְצֵיילְט אוּנְז דִי תּוֹרָה וֶועגְן יַעֲקֹב אוּן עֵשָׂו, גְלַייךְ פוּן אָנְהֵייב גֶעבוֹירְן הָאבְּן זֵיי זִיךְ שׁוֹין גֶעקְרִיגְט וֶוער עֶס אִיז דֶער בְּכוֹר, בְּכוֹר מֵיינְט חֲשִׁיבוּת, אַזוֹי ווִי דֶער פָּסוּק זָאגְט "אַף אֲנִי בְּכוֹר אֶתְּנֵהוּ".

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִין דִי עֶרְשְׁטֶע תּוֹרָה פוּן לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן זָאגְט, אַז יַעֲקֹב אוּן עֵשָׂו זֶענֶען מְרַמֵּז אוֹיף דֶער 'יֵצֶר טוֹב' מִיטְן 'יֵצֶר הָרָע', דֶער רֶבִּי זָאגְט דָארְט אַז אַן אִישׁ הַיִּשְׂרְאֵלִי – אַ אִידִישׁ קִינְד דַארְף אַלֶעמָאל קוּקְן אִינֶעם שֵׂכֶל וָואס לִיגְט אִין יֶעדֶע זַאךְ, אוּן זִיךְ מְקַשֵּׁר זַיין צוּ דִי חָכְמָה אוּן שֵׂכֶל וָואס לִיגְט אִין יֶעדֶע זַאךְ, אַז דִי 'שֵׂכֶל שֶׁיֵּשׁ בְּכָל דָּבָר' זָאל אִין אוּנְז אַרַיינְשַׁיינֶען אוּן אוּנְז דֶערְנֶענְטֶערְן צוּ הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, דָאס מֵיינְט אַז מִיר דַארְפְן אַרַיינְקוּקְן אִין יֶעדֶע זַאךְ "ווִיאַזוֹי קֶען אִיךְ דִינֶען דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן מִיט דִי זַאךְ? אוּן ווִיאַזוֹי קֶען אִיךְ צוּקוּמֶען צוּ מַיין תַּכְלִית דוּרְךְ דֶער זַאךְ".

עֵשָׂו אִיז פּוּנְקְט פַארְקֶערְט! עֶר ווִיל נִישְׁט טְרַאכְטְן פוּן גָארְנִישְׁט, נָאר וָואס סְ'גְלוּסְט אִים יֶעצְט אִין דִי מִינוּט ווִיל עֶר שׁוֹין הָאבְּן! עֶר ווִיל נָאר תַּאֲווֹת פוּן דֶער וֶועלְט, דָאס אִיז אַ מִלְחָמָה מֶשֶׁךְ דֶעם גַאנְצְן לֶעבְּן. יַעֲקֹב אִיז מְרַמֵּז אוֹיף דִי טַייעֶרֶע הֵיילִיגֶע נְשָׁמָה, וָואס אִיז אַ חֵלֶק אֱלוֹקַּ מִמַּעַל, אוּן דָאס לִיגְט בַּיי יֶעדְן אִיד, אָבֶּער עֵשָׂו טַעֲנֶ'ט אַז עֶר אִיז דֶער בְּכוֹר, אַז קוֹדֶם קוּמְט דֶער גוּף מִיט זַיינֶע תַּאֲווֹת, דָאס אִיז בַּיי עֵשָׂו מֶער חָשׁוּבֶ'ער.

מִיר דַארְפְן אָבֶּער ווִיסְן אַז מִיר הָאבְּן אַ גְרוֹיסְן רֶבִּי'ן מִיט זַיין גְרוֹיסְן תַּלְמִיד, וָואס לֶערְנֶען אוּנְז אַז אֲפִילוּ עֶס קֶען זִיךְ אוּנְז דַאכְטְן אַז עֵשָׂו אִיז זֵייעֶר שְׁטַארְק אוּן יַעֲקֹב אִיז שְׁוַואךְ אוּן קְלֵיין, אָבֶּער אַזוֹי ווִי מֶען זֶעט צוּם סוֹף אַז יַעֲקֹב הָאט בַּאקוּמֶען דִי בְּכוֹרָה, אַזוֹי אוֹיךְ בַּיי אוּנְז, אוֹיב מִיר וֶועלְן זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט עַקְשָׁנוּת אוּן תְּפִלּוֹת

המשך אויף זייט 6



# דאס האב איך געזוכט

הֶחָסִיד ר' שְׁלֹמֹה וֶועקְסְלֶער זצ"ל

*פָּארְזֶעצוּנְג פוּן פְּרִיעֶר*

עֶנְדְלִיךְ נָאךְ אַ לַאנְגֶע רַייזֶע אוֹיפְן שִׁיף אִיז דֶער בָּחוּר שְׁלֹמֹה וֶועקְסְלֶער אָנְגֶעקוּמֶען צוּם פָּארְט פוּן הֵיילִיגְן לַאנְד אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, דָאס אִיז גֶעוֶוען אִין דִי יָארְן וֶוען דִי טֶערְקְן הָאבְּן גֶעהֶערְשְׁט אִיבֶּער'ן לַאנְד, וֶוען שְׁלֹמֶה'לֶע אִיז אַרָאפּ פוּן שִׁיף הָאבְּן אִים דִי טֶערְקִישֶׁע סָאלְדַאטְן גֶעפְרֶעגְט פוּן וַואנֶעט עֶר קוּמְט, וֶוען עֶר הָאט זֵיי גֶעעֶנְטְפֶערְט פוּן דַייטְשְׁלַאנְד, הָאבְּן זֵיי אִים אָנְגֶעזָאגְט אַז עֶר מֶעג זִיךְ פַארְזוֹימֶען אִין לַאנְד נִישְׁט מֶער וִוי עֶטְלִיכֶע חֳדָשִׁים...

וִוי נָאר ר' שְׁלֹמֹה אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל הָאט אִים גֶעצוֹיגְן דִי הֵיילִיגֶע שְׁטָאט יְרוּשָׁלַיִם, דִי קֶענִיגְלִיכֶע הוֹיפְּט שְׁטָאט פוּנֶעם מֶלֶךְ מַלְכֵי הַמְּלָכִים. דִי עֶרְלִיכֶע קְלוּגֶע אִידְן פוּן יְרוּשָׁלַיִם הָאבְּן בַּאלְד אָנְגֶעזֶען אוֹיף דֶעם בָּחוּר וָואס אִיז נָארְוָואס אָנְגֶעקוּמֶען פוּן דַייטְשְׁלַאנְד, זַיין מוֹרָא'דִיגֶע עֶרְלִיכְקֵייט בִּפְרָט זַיין אָפְּגֶעהִיטְנַקֵייט אִין שְׁמִירַת עֵינַיִם, נִישְׁט צוּ אַרוֹיסְקוּקְן מֶער פוּן פִיר אַמּוֹת גֵייעֶנְדִיג אִין גַאס, דֶערִיבֶּער פְלֶעגְן זֵיי אִים אָנְרוּפְן 'דֶער פְרוּמֶער בָּחוּר פוּן דַייטְשְׁלַאנְד...' אוּן הָאבְּן אִים זֵייעֶר מְקַרֵב גֶעוֶועז אוּן אִים אַלֶעס פַארְזָארְגְט, בִּפְרָט דֶער גָאוֹן ר' עֲקִיבָא יוֹסֵף שְׁלֶעזִינְגֶער זַצַ"ל דֶער בַּעַל מְחַבֵּר פוּן סֵפֶר "לֵב הָעִבְרִי" וָואס הָאט אִים אַרַיינְגֶענוּמֶען בַּיי זִיךְ אִין שְׁטוּבּ אוּן ר' שְׁלֹמֹה אִיז דָארְט גֶעוֶוען אַ בֶּן בַּיִת, וִוי זַיין אֵייגֶענֶעם קִינְד.

ר' עֲקִיבָא יוֹסֵף זַצַ"ל הָאט גֶעזֶעהְן אַז דֶער בָּחוּר שְׁלֹמֶה'לֶע דְרֵייט זִיךְ כְּסֵדֶר אַרוּם מִיט אַ "לִקּוּטֵי עֵצוֹת", דֶער סֵפֶר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר בַּאקַאנְט פַאר ר' עֲקִיבָא יוֹסֵף, וַוייל עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ גֶעוַואלְדִיגֶער בָּקִי אִין אַלֶע סִפְרֵי רַבֵּינוּ, וִוי מֶען זֶעט אִין זַיין סֵפֶר וואוּ עֶר בְּרֶענְגְט אַרָאפּ פִּיל מְקוֹרוֹת פוּן לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן אוּן סִפְרֵי ר' נָתָן, דֶערִיבֶּער אִיז דֶער גָאוֹן אֵיין טָאג צוּגֶעגַאנְגֶען צוּם יוּנְגְן שְׁלֹמֹה אוּן אִים גֶעפְרֶעגְט: "וָואס אִיז דֶער סֵפֶר וָואס דוּ הַאלְסְט שְׁטֶענְדִיג בַּיי דִיר?" הָאט אִים ר' שְׁלֹמֹה דֶערְצֵיילְט וִוי אַזוֹי עֶר אָנְגֶעקוּמֶען צוּם סֵפֶר אוּן וָואס דֶער הֵיילִיגֶער סֵפֶר הָאט גֶעמַאכְט פוּן אִים,

הָאט אִים דֶער גָאוֹן בַּאלְד דֶערְצֵיילְט אַז עֶס אִיז דָא נָאךְ פִּיל סְפָרִים פוּן אָט דֶעם צַדִּיק, ר' שְׁלֹמֹה הָאט זִיךְ גָאר גֶעפְרֵייט אוּן גֶעפְרֶעגְט וואוּ מֶען קֶען דָאס בַּאקוּמֶען, הָאט אִים ר' עֲקִיבָא יוֹסֵף זַצַ"ל גֶעפִירְט צוּ דִי סְפָרִים שַׁאפֶע אִין זַיין שְׁטוּבּ אוּן אִים גֶעוִויזְן אַלֶע לִיכְטִיגֶע סִפְרֵי רַבֵּנוּ וְתַלְמִידָיו,

אַזוֹי אוֹיךְ הָאט עֶר אִים דֶערְצֵיילְט אַז עֶס אִיז דָא אִין יְרוּשָׁלַיִם נָאךְ אַפָּאר בְּרֶסְלֶבֶ'ער חֲסִידִים, וָואס לֶערְנֶען דִי סְפָרִים אוּן פִירְן אוֹיס דִי אַלֶע עֵצוֹת. דִי שִׂמְחָה פוּן שְׁלֹמֹה'לֶע אִיז גֶעוֶוען אָן קַיין בְּרֶעג, אָט הָאט עֶר גֶעטְרָאפְן דָאס וָואס זַיין הַארְץ בֶּענְקְט אוּן גְלוּסְט, הָאט עֶר בַּאשְׁלָאסְן פֹּה אֵשֵׁב כִּי אִוִּיתִיהָ, דָא אִיז מַיין פְּלַאץ! דָא וִויל אִיךְ בְּלַייבְּן!

אָבֶּער וָואס טוּט מֶען מִיטְ'ן טֶערְקִישְׁן גֶעזֶעץ? נָאךְ אַפָּאר מָאנַאטְן דַארְף עֶר שׁוֹין אַוֶועק פָארְן פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל? מִיטְ'ן אוֹיבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף הָאט ר' עֲקִיבָא יוֹסֵף גֶעטְרָאפְן פַאר אִים אַ גוּטְן שִׁידוּךְ, דִי טָאכְטֶער פוּן ר' מָאנִישׁ שֵׁיינְבֶּערְגֶער זַצַ"ל, פוּן יְרוּשָׁלַיִם, עֶס אִיז גֶעוֶוען פַאר אִים אַ זְכוּת צוּ נֶעמֶען פַאר זַיין טָאכְטֶער דֶער פְרוּמֶער בָּחוּר פוּן דֵייטְשְׁלַאנְד... אַזוֹי אַרוּם הָאט שׁוֹין ר' שְׁלֹמֹה גֶעקֶענְט בְּלַייבְּן וואוֹינֶען אִין יְרוּשָׁלַיִם וַוייל דֶער גֶעזֶעץ הָאט עֶרְלוֹיבְּט צוּ בְּלַייבְּן וואוֹינֶען אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אוֹיף אַלֶעמָאל, אוֹיבּ מֶען הָאט חֲתוּנָה מִיט אַ דָארְטִיגֶער בִּירְגֶער.


טערקישע זעלנער אין ירושלים

ר' שְׁלֹמֹה מִיט זַיין אֵשֶׁת חַיִל הָאבְּן זִיךְ בַּאזֶעצְט אִין בָּתֵּי מַחֲסֶה, נָאנְט צוּם מָקוֹם הַמִּקְדָּשׁ אוּן דֶער כֹּתֶל הַמַּעֲרָבִי. דָארְט הָאבְּן זֵיי גֶעוואוֹינְט פוּפְצִיג יָאר, בִּיז וֶוען אַלְט שְׁטָאט אִיז אַיינְגֶענוּמֶען גֶעוָוארְן דוּרְךְ דִי יַרְדֵנִ'ישֶׁע אַראבֶּער.

פָארְזֶעצוּנְג קוּמְט אִי"ה




המשך פון די לעצטע זייט

אַלֶע וֶועגְן וויאַזוֹי זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן אוּן אַנְטְלוֹיפְן פוּן אִים אוּן דַאוֶונֶען מִיט כַּוָונָה.

אָבֶּער עֶס אִיז דָא אַן עֵצָה פַאר אוּנְז, עֶס אִיז פַארְהַאן אַ וֶועג פוּן דֶער זַייט, וָואס דֶער יֵצֶר הָרָע וֵוייסְט נִישְׁט דֶערְפוּן – דוּ וֵוייסְט פוּן וֶועלְכֶע וֶועג מֶער רֶעדְט?

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט אַז וֶוען מֶען רֶעדְט צוּם בַּאשֶׁעפֶער אוֹיף אוּנְזֶער אִידִישֶׁע שְׁפְּרַאךְ, מֶען דֶערְצֵיילְט אִים אַלֶעס וָואס לִיגְט אוֹיפְן הַארְץ מֶען בֶּעט פוּן אִים אַלֶע, מַמָּשׁ אַלֶעס אַזוֹי וִוי מֶען בֶּעט עֶפֶּעס פוּן אַ גוּטֶער חָבֵר, דִי וֶועג קֶען נִישְׁט דֶער יֵצֶר הָרָע.

מִיר וֶועלְן זִיךְ בַּאנֵייעֶן צוּ רֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער מִיט אוּנְזֶער פְּשׁוּטֶ'ע שְׁפְּרַאךְ, אִים בֶּעטְן אַלֶעס אוּן אוֹיךְ זִיךְ מְחַזֵּק זַיין צוּ דַאוֶונֶען גֶעשְׁמַאק דִי דְרַייִ תְּפִלּוֹת וָואס מִיר זֶענֶען מִתְפַּלֵּל יֶעדְן טָאג. (לִיקּוּ"מ צ"ז ח"ב)

# לעובדא ולמעשה

1. הָרַב הֶחָסִיד ר' אֶלְחָנָן סְפֶּעקְטָאר זַ"ל אִיז אַרַיין אַמָאל אִין אַ בֵּית מִדְרָשׁ אִין בִּיאַלִיסְטָאק (אַ שְׁטֶעטְל אִין פּוֹילְן וָואס אִיז לַיידֶער כִּמְעַט אוֹיסְגֶעמֶעקְט גֶעוָוארְן אִין דִי צְוֵוייטֶע וֶועלְט מִלְחָמָה) דָארְט הָאט עֶר בַּאגֶעגְנְט אַ אִיד - מִיטְן נָאמֶען ר' יַעֲקֹב וֶועלְכֶער אִיז גֶעזֶעצְן אוּן גֶעלֶערְנְט מִיט גְרוֹיס הַתְמָדָה, הָאט אִים ר' אֶלְחָנָן גֶעפְרֶעגְט: "וָואס הָאט אַייךְ צוּגֶעבְּרֶענְגְט זִיךְ צוּ נֶעמֶען אַזוֹי צוּם לֶערְנֶען?" הָאט אִים ר' יַעֲקֹב דֶערְצֵיילְט אַז עֶר הָאט גֶעאַרְבֶּעט פַאר זַיין פַּרְנָסָה אִין אַ מִיל וואוּ מֶען מָאלְט וֵוייץ פַאר מֶעל, זַיין אַרְבֶּעט אִיז גֶעוֶוען צוּ מִישְׁן דִי מֶעל מִיט אַ גְרוֹיסֶע לֶעפֶל אִין דִי גְרוֹיסֶע זֶעק, אִין אֵיינֶע פוּן דִי טֶעג דֶערְצֵיילְט ר' יַעֲקֹב וַוייטֶער, וֶוען אִיךְ מִיש אַזוֹי דִי מֶעל אִיז מִיר אַרַיין אַ הִרְהוּר תְּשׁוּבָה אִיךְ טְרַאכְט אַזוֹי צוּ מִיר 'פַארְוָואס פַארְבְּרֶענְג אִיךְ דָא מַיינֶע טֶעג מִיטְן מִישְׁן דִי מֶעל אִין דִי זֶעק?! וֶוען אִיךְ זִיץ יֶעצְט אִין בֵּית מִדְרָשׁ מִיט אַ גְמָרָא בַּיים סְטֶענְדֶער וָואלְט אִיךְ דַאן גֶעמִישְׁט דֶעם רַמְבַּ"ם מִיטְן תּוֹסְפוֹת אִינְאֵיינֶעם מִיט אַ קֻשְׁיָא אוּן תִּירוּץ!', דִי מִינוּטְן וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעטְרַאכְט וָואס אִיז דֶער תַּכְלִית פוּן מַיין לֶעבְּן צוּ מִישְׁן מֶעל? הָאט מִיר צוּגֶעבְּרֶענְגְט צוּ מַאכְן אַ טוּישׁ אִין לֶעבְּן, הָאט דֶער מַתְמִיד ר' יַעֲקֹב אוֹיסְגֶעפִירְט: "כְ'הָאבּ זִיךְ אַרַיינְגֶעזֶעצְט אִין בֵּית מִדְרָשׁ אוּן זִיךְ עֶרְנְסְט גֶענוּמֶען מִישְׁן דִי הֵיילִיגֶע בְּלֶעטֶער..."





ר' אֶלְחָנָן הָאט גֶעשְׁרִיבְּן דִי מַעֲשֶׂה אִין אַ בְּרִיוו צוּ זַיין זוּן אִין אַמֶערִיקֶע אִים צוּ מְחַזֵּק זַיין צוּ טְרַאכְטְן פוּן תַּכְלִית אוּן אַרַיינְטוּן זַיינֶע כּוֹחוֹת אִין דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

"און איך בין נאך דעמאלט געווען גאר א 'קינד' (דהיינו: דער 'בלינדער־בעטלער', וואס ער דערציילט דאס אלץ) – און איך בין אויך דארט געווען"; האב איך מיך אנגערופן: איך געדענק די אלע מעשיות, און איך געדענק 'גארנישט'".

האבן זיי זיך אנגערופן: "אט דאס איז א גאנץ 'אלטע־מעשה', עלטער פון אלע". און ס'איז ביי זיי א גרויס חידוש געווען, וואס דאס 'קינד' געדענקט מער פון אלע.

דערווייל איז אנגעקומען א גרויסער 'אדלער', און האט אנגעקלאפט אויף דעם 'טורעם', און ער האט צו זיי געזאגט: "הערט אויף צו זיין ארימעלייט, קערט אייך אום [צוריק] צו אייערע 'אוצרות', און נוצט מיט אייערע 'אוצרות'".

און ער האט צו זיי געזאגט: "אז זיי זאלן ארויסגיין פון דעם 'טורעם', 'עלטער' נאך 'עלטער' – ווער ס'עלטער, זאל פריער ארויסגיין".

האט ער זיי אלע ארויסגענומען פון דעם 'טורעם'.

האט ער 'פריער' דאס 'קינד' ארויסגענומען – ווארן צום אמת, איז ער זיך 'עלטער' פון זיי אלע.

און ווער ס'איז 'יונגער' געווען, האט ער אים 'פריער' ארויסגענומען.

און דעם 'עלטסטן־זקן', האט ער גאר 'צום סוף' ארויסגעפירט.

ווארן ווער ס'איז געווען 'יונגער', דער איז זיך געווען 'עלטער', (ווארן וואס 'יונגער', האט ער זיך אלץ א 'עלטערע־מעשה' דערציילט) – און דער 'עלטסטער־זקן', דער איז געווען 'יונגער' פון זיי אלע.

האט זיך דער 'גרויסער־אדלער' צו זיי אנגערופן: "איך וועל אייך מפרש זיין די אלע מעשיות, וואס די אלע האבן דערציילט".

דער האט דערציילט: "אז ער געדענקט נאך, אז מ'האט אפגעשניטן דאס 'עפעלע' פון דער 'צווייג'" – מיינט ער, ער געדענקט נאך אפילו, אז מ'האט אים 'אפגעשניטן דעם נאפל' – (כלומר: אפילו דאס וואס מיט אים האט זיך געטאן, תיכף ווי ער איז געבוירן געווארן, אז מ'האט אים 'אפגעשניטן דעם נאפל' – אפילו דאס געדענקט ער אויך).

און דער אנדערער, וואס ער האט געזאגט: "ער געדענקט נאך אפילו, אז דאס 'לעכט האט געברענט'" – מיינט ער, ער געדענקט נאך, אז ער איז געווען בעיבור, וואס דעמאלט ברענט א לעכט אויף דעם קאפ – (ווארן אזוי שטייט אין דער גמרא (נדה ל:): "אז דעמאלט אז דאס קינד איז ביי דער מוטער אין בויך, דעמאלט ברענט א לעכט אויף זיין קאפ" וכו').

און דער וואס ער האט געזאגט: "אז ער געדענקט נאך אפילו, אז ס'האט אנגעהויבן צו ווערן א 'פרי'" – דאס איז, ער געדענקט נאך אפילו, ווי זיין גוף האט אנגעהויבן צו ווערן, דעמאלט אז דאס קינד הייבט נאר אן באשאפן צו ווערן.

און דער געדענקט נאך: "דעמאלט, אז מ'האט געפירט דאס 'קערנדל' צו פלאנצן די 'פרי'" – דאס איז, ער געדענקט נאך אפילו, ווי די טפה איז נמשך געווארן.

און דער געדענקט נאך: "די 'חכמים', וואס זיי האבן

אויסגעטראכט דאס 'קערנדל'" – מיינט ער, ער געדענקט נאך אפילו, אז די טפה איז נאך געווען אין מח.

און דער געדענקט נאך: "דעם טעם'" – דאס איז דאס 'נפש'. און דער "ריח" – דאס איז דער 'רוח'. און די "מראה" – דאס איז די 'נשמה'.

און דאס קינד האט געזאגט: "ער געדענקט 'גארנישט'" – ווארן ער איז 'גרעסער' פון זיי אלע – און ער געדענקט אפילו וואס ס'געווען פאר 'נפש', 'רוח', ו'נשמה' – דרום [דעריבער] האט ער געזאגט: "ער געדענקט 'גארנישט'" (כלומר: ער געדענקט נאך אז "ס'גארנישט" געווען – געדענקט ער אפילו, וואס דארט האט זיך געטאן, וואס דאס איז העכער פון אלע).

און דער 'גרויסער־אדלער' האט צו זיי געזאגט: "קערט אייך אום [צוריק] צו אייערע 'שיפן', דאס זענען אייערע 'גופין' [גופים: קערפערס], וואס זיי זענען צוברָאכן געווארן – זיי וועלן ווידער געבויעט ווערן – היינט קערט אייך אום [צוריק] צו זיי" – און ער האט זיי געבענטשט.

און צו מיר (דהיינו: צום 'בלינדן־בעטלער' וואס ער דערציילט דאס אלץ), האט ער געזאגט (דהיינו: דער 'גרויסער־אדלער'): "דו קום מיט מיר, ווארן דו ביזט אזוי־ווי איך – ווארן דו ביזט 'זייער־אלט', און 'גאר־יונג', און דו האסט נאך 'גארנישט' אנגעהויבן צו לעבן, און דו ביזט פארט 'זייער־אלט' – און איך בין אויך אזוי, ווארן איך בין 'זייער־אלט', און בין נאך 'גאר־יונג'" וכו'.

נמצא [קומט אויס], האב איך א 'הסכמה' פון דעם 'גרויסן־אדלער', אז איך בין 'זייער־אלט', און בין 'גאר־יונג' וכו' – היינט שענק איך אייך במתנה גמורה 'דרשה־געשאנק', אז איר זאלט זיין 'אזוי־אלט' ווי איך.

איז דארט געווארן א גרויסע שמחה, און זייער א גרויסע חדוה – און זיי זענען זייער פרייליך געווען.

# דער ריינער קוואל

המשך פון זייט 1

צום אויבערשטן, ער זאל אונז ראטעווען פונעם יצר הרע, וואס וויל אונז צעברעכן און אראפווארפן פון אונזער חשיבות, ער וויל אונז צעטרעטן מיר זאלן נאר זיין פארנומען מיט גשמיות און זאכן פון עולם הזה, וואס טאקע דערפאר הייסט ער עשו פון לשון "עשיה" וואס איז מרמז אויף גשמיות פון עולם הזה, וואס איז פיל מיט עצבות.

אבער צום סוף וועט די נשמה זיין דער בכור דאס מיינט אז די נשמה וועט זיך מתגבר זיין אויפן גוף, דער יצר טוב וועט געווינען דעם יצר הרע, און בכלליות, צום סוף וועט די גאנצע וועלט וויסן אז די אידישע קינדער זענען דער אויסגעקליבענער פאלק און נאר פאר זיי האט דער אויבערשטער באשאפן די גאנצע וועלט.

דער אויבערשטער זאל העלפן, עס זאל שוין מקוים ווערן די תפלה וואס מיר בעטן יעדן טאג ביי מעריב "כי פדה ה' את יעקב וגאלו מיד חזק ממנו" דער אויבערשטער זאל אונז אויסלייזן פון אלע שטארקע שונאים בגשמיות וברוחניות, און מיר וועלן אלע מאכן א גרויסע ברכה "ברוך אתה ה' גאל ישראל", אמן ואמן.

:pe ____________

# לאמיר זיך פארהערן



## די דרייצנסטע מעשה - די זיבן בעטלערס (4)

**א. וואס האט דער בלינדער בעטלער געדענקט?**

- ❑ די אלע מעשיות
- ❑ גאר נישט
- ❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ב. וואס זאגט דער גרויסער אדלער?**

- ❑ הערט אויף זיין עשירים
- ❑ הערט אויף זיין ארימע לייט
- ❑ הערט אויף זיין ענוים

**ג. וועמען האט דער אדלער ארויס גענומען די ערשטע?**

- ❑ דעם גרעסטער זקן
- ❑ דאס קינד
- ❑ לויט די א״ב

**ד. וויאזוי האט ער מפרש געווען דעם זעקסטן זקן וואס געדענקט די טעם?**

- ❑ נפש
- ❑ רוח
- ❑ נשמה

**ה. וויאזוי האט ער מפרש געווען דעם זיבעטן זקן וואס געדענקט די ריח?**

- ❑ נפש
- ❑ רוח
- ❑ נשמה

**ו. וויאזוי האט ער מפרש געווען דעם אכטן זקן וואס געדענקט די מראה?**

- ❑ נפש
- ❑ רוח
- ❑ נשמה

**ז. צו וואו האט ער זיי געהייסן צוריק גיין?**

- ❑ צו די שיפן
- ❑ צו זייערע גופים
- ❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ח. וואס איז געווען דער אדלער?**

- ❑ אלט
- ❑ אינג
- ❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ט. וואס איז געווארן נאך די דרשה די געשאנק פון דעם בעטלער?**

- ❑ א גרויסע שמחה
- ❑ א גרויסע שמחה און זייער א גרויסע חדוה
- ❑ א גרויסע שמחה און זייער א גרויסע חדוה און זיי זענען זייער פריילך געווען

**י.** האסטו געלערנט די מעשה פון די וואך?

- ❑ יא
- ❑ ניין
- ❑ א חלק



### טיפער געטראכט

**ווען האט דער רבי דערציילט פון דעם בלינדן בעטלער?**

### תשובות אויף פאריגע וואך

אויף וועמען איז געזאגט געווארן? אִיךְ בִּין זֵייעֶר אַלְט? **אויף דער בלינדער בעטלער**

אויף וועמען איז געזאגט געווארן? אִיךְ בִּין נָאךְ גָאר יוּנְג? **אויף דער בלינדער בעטלער**

אויף וועמען איז געזאגט געווארן? אִיךְ הָאבּ נָאךְ גָאר נִיט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ לֶעבְּן? **אויף דער בלינדער בעטלער**

ווער געדענקט מער, דער עלטער אדער דער יונגסטער? **דער יונגסטער**

**דער געווינער אויף די זיבן בעטלערס נומער 3 איז**
**הילד החשוב נחמן שפירא, ירושלים ***4134**

**צו ענטפערן די בחינות און אריינגיין אינעם גורל, 02-5-3333-72 646-585-3040**



# דעם רבינ'ס משלים

אַ כְט אִיבֶערגֶעפוּלטֶע וֶועגֶענֶער פָארְן אַרוֹיס פוּן דִי טוֹיעֶרן אִין לַייפְּצִיגֶ'ער מַארְק, זֵיי לָאזְן זִיךְ אַרוֹיס אוֹיף אַ דְרַיי טָאגִיגֶע נְסִיעָה, אָבֶער ר' מֵאִיר הַאלְט זֵיי אָפּ און עֶרְקְלֶערְט זֵיי אַז סְ'אִיז זֵייעֶר נִישְט כְּדַאי צוּ פָארְן אוֹיף דִי גֶעוֶוענְלִיכֶע וֶועג וואוּ מֶען אִיז צוּגֶעווֹאוֹינְט צוּ פָארְן, עֶר טַעֲנָה'ט: "דִי וֶועג אִיז בִּכְלַל נִישְט גְלַאט, גַאנְץ אָפְט קֶענֶען רוֹיבֶּערְס אָנְפַאלְן דִי דוּרְכְגֵייעֶר, רוֹצְחִים אָדֶער גַזְלָנִים בַּא'גַנָבְ'נֶען אַלֶע סְחוֹרוֹת און טֵיילְן בִּיטֶערֶע קְלֶעפּ, סְ'אִיז אַ גְרוֹיסֶע סַכָּנָה!!"

"וָואס עֶפֶּעס?", עֶנְטְפֶערְן אִים אָפּ דִי חַבּוּרָה וָואס זִיצְן אִין דִי וֶועגֶענֶער, "מִיר וֶועלְן פָארְן אוֹיפְן גֶעוֶוענְלִיכְן וֶועג ווִי דֶער גַאנְצֶער עוֹלָם פָארְט, דָארְט פָארְן אוּנְז אוֹיךְ, מִיר גֵייעֶן נִישְט אוֹיף קַיין שוּם אַנְדֶערֶע וֶועג".

עֶנְטְפֶערְט זֵיי ר' מֵאִיר: "פַארְוָואס זָאלְן עֶנְק גֵיין אוֹיף אַ פְלַאץ וָואס סְ'מַאכְט זִיךְ אַזוֹיפִיל סַכָּנוֹת, עֶנְק ווִילְן נִישְט הֶערְן מַיין מֵיינוּנְג? אִיךְ קֶען 'אַ וֶועג פוּן דֶער זַייט', אַזַא וֶועג וואוּ עֶס פְלֶעגְן אַמָאל דוּרְכְפָארְן גְרוֹיסֶע סוֹחֲרִים שְטִיל אָן קַיין שוּם שְטֶער, דִי חֶבְרָה בַּאנְדִיטְן שְטֵייעֶן נִישְט דָארְט,

## א נייע וועג

זֵיי וֵוייסְן נִישְט אַז סְ'אִיז פַארְהַאן אַזַא סָארְט וֶועג, קוּמְט קוּמְט...."

זֵיי הַאלְטְן זִיךְ בַּיי זֵייעֶרְס, צוּ גֵיין אוֹיפְן אַלְטְן וֶועג, און ר' מֵאִיר פָארְט מִיט זַיין וָואגְן אוֹיף דִי וֶועג פוּן דֶער זַייט.

נָאכְן לַאנְגְן נְסִיעָה וֶוען דִי חַבּוּרָה הָאט זִיךְ גֶעטְרָאפְן אִין שְטָאט, ר' מֵאִיר דֶערְצֵיילְט זֵיי אִיבֶער זַיין גֶעשְמַאקֶע אַנְגֶענֶעמֶע נְסִיעָה, ווִידֶערְאוּם דִי אַנְדֶערֶע חֶבְרָה הָאבְן גֶעהַאט צוּ דֶערְצֵיילְן הוֹיפְנְס מִיט פְּחָדִים מִיט וֶועלְכֶע זֵיי זֶענֶען אַרִיבֶּער נָאךְ וֶוערְן בַּאפַאלְן פוּן רוֹיבֶּערְס וֶועלְכֶע זֶענֶען זֵיי נָאכְגֶעלָאפְן אוֹיפְן וֶועג.



קִינְדֶער, וָואס לֶערְנֶען מִיר פוּן דֶעם מָשָל? וָואס טַאקֶע?

עֶנְק וֵוייסְן טַאקֶע אַז אַסַאךְ מָאל וֶוען אוּנְז זֶעצְן זִיךְ גֶעשְמַאק דַאוֶוענֶען בַּיים סִדוּר, קוּמְט אוּנְז אַרַיין אַסַאךְ חֲלוֹמוֹת פוּן אַלֶע סָארְטְן מַחֲשָבוֹת אִין קָאפּ, פְלוּצְלוּנְג פַארְגֶעסְט מֶען אַז אוּנְז הַאלְטְן אִינְמִיטְן דַאוֶוענֶען, יָא? עֶס קֶען זִיךְ מַאכְן אַמָאל אַזַא זַאךְ? וָואס קֶען מֶען דֶעמָאלְט טוּן?

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז אַז דִי גֶעוֶוענְלִיכֶע תְּפִלוֹת וָואס מִיר דַאוֶוענֶען יֶעדְן טָאג, דָארְט שְטֵייט דֶער יֵצֶר הָרָע אִינְמִיטְן, עֶר וַוארְט אוּנְז אָפּ אֵיינְמָאל בַּיי בְּרָכוֹת, אֵיינְמָאל בַּיי קְרִיאַת שְמַע עֶר מַאכְט אוּנְז זָאלְן חָלוֹמֶ'ען. אָבֶער אוּנְז דַארְפְן זוּכְן

המשך אויף זייט 3

הגליון נתנדב ע"י
הר"ר משה לייפער הי"ו
לרגל הולדות בנו למזל טוב

הגליון נתנדב ע"י
הר"ר שניאור זלמן בלוי הי"ו
לרגל הולדת בנו למזל טוב

הגליון נתנדב ע"י
הר"ר יונה אנשין הי"ו
לרגל נישואי בתו למזל טוב